# מאמר המחכים

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

פטרון טהור עינים
חודש אדר א'
מוה"ר יואל עפשטיין הי"ו
זכות של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינו להתברך בכל מילי דמיטב, אמן.

שנה ח | גליון 126 | כי תשא -ויקהל תשפ"ד לפ"ק


4

גַל עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת



# די וואונדער פונעם אויג

אינספערירנדע פאקטן איבער די וואונדער פונעם אויג און די טיפע חכמת הבריאה פונעם חוש הראי', וואס ברענגט אונז התבוננות צו טון מיט זיי בלויז רצון ה'.

אין די פריערדיגע מאמרים האבן מיר אויסגעשמועסט אז די ראיה פונעם מענטש באשטייט אייגנטליך פון 'ליכט-שטראלן', וועלכע ווערן צוריקגעווארפן פון אלע זאכן וואס מיר זעען און קלאפן זיך אן אינעם 'שוואַרצאַפּל' (pupil) פונעם אויג.

לאמיר יעצט כאפן א שטיקל בליק אויף דער לאנגער רייע נסים ונפלאות וואס פאסירט מיט דעם ליכט-שטראל פון ווען ער קלאפט זיך אן אינעם שוואַרצאַפּל ביז דער מענטש "זעט" דאס בילד. ס'איז גארנישט איינפאך, נאר דארט אינעווייניג אינעם אויג טוט זיך א גאנצע פאבריק פון גאר סאָפיסטיקירטע כלים און מעכאַניזמען, וועלכע טוען זייער ארבעט בנאמנות יעדע רגע צו מאכן זיכער אז דאס בילד אויף וואס מ'קוקט קומט אריין ווי ס'דארף.

ליינענדיג איבער די וואונדער פונעם אויג, דארף דאס ערוועקן ביים מענטש א געוואלדיגע התפעלות איבער די גרויסע חסדים פונעם באשעפער, וויפיל גוטס ער גיבט פאר'ן מענטש יעדע רגע אז ער קען זען מיט זיינע צוויי אויגן. עס לאזט זיך נישט גענוג אפוואונדערן וויפיל אויסטערלישע נפלאות ס'פאסירן מיט יעדן בליק וואס דער מענטש גיבט. און דאס דא-רף ברענגען דעם מענטש צו אכטונג געבן אויף זיינע אויגן לויט'ן רצון ה', און נישט זיין קיין כפוי טובה אויף די אלע חסדים.

## גרויסע אויגן און קליינע אויגן

דער **'אייריס'** (iris) איז דער באָל ארום דעם שוואַרצאַפּל וואס פארמאגט אן אנדערן קאליר ביי יעדן מענטש. דער פארעם און קאליר פונעם אייריס איז אנדערש ביי יעדן מענטש אויף דער וועלט, פונקט ווי די פינגער-אפדרוקן.

דער אייריס באשטייט פון ארום 70 מוסקלען און נערוון, און זיין אויפגאבע איז צו קאנטראלירן וויפיל ליכט-שטראלן ס'קענען אריינגיין דורכ'ן שוואַרצאַפּל. ווען די מוסקלען פונעם אייריס ציען זיך אויס, ברענגט דאס דערצו אז דער שוואַרצאַפּל - וועלכער איז א פשוט'ע לאך - זאל ווערן קלענער, ווידער ווען די אייריס מוסקלען לאזן נאך ווערט דער שוואַרצאַפּל גרעסער.

ווען א מענטש געפינט זיך אין א ליכטיגן פלאץ, צב"ש אונטער דער זון, וועט זיך דער אייריס אויסציען און מאכן דעם שוואַרצאַפּל קלענער, כדי צו באגרעניצן די צאל ליכט-שטראלן וואס גייען אריין אינעם אויג, אז ס'זאלן נישט אריינגיין צופיל שטראלן. אבער ווען מ'געפינט זיך אויף א טונקעלן ארט און מ'דארף צוקומען צו אלע שטראלן וואס זענען דא, דאן ציט זיך דער אייריס צוזאם און לאזט מער שטראלן אריינקומען דורכ'ן שוואַרצאַפּל.

**דער אייריס ארבעט וואונדערליך פון זיך אליין א גאנצן טאג, ווען יעדע רגע באשליסט ער אינסטינקטיוו וויפיל זיך אויסצוציען אדער איינציען.** מ'קען דאס זען בחוש, ווען א מענטש געפינט זיך א ווײַלע אין א טונקעלן צימער און מיטאמאל גיבט מען א צינד אן די לעקטער, קען מען זען ווי דער שוואַרצאַפּל ציט זיך צוזאם. הפלא ופלא!

זכות הדפסת הגליון

נתנדב ע"י לעילוי נשמת
הרה"ק רבי ישעי' ב"ר משה זי"ע
מקערעסטיר
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

תוכן הגליון


די וואונדער פונעם אויג ____ זייט 1-8
מחשיב זיין דעם אוצר ____ זייט 3
וואס טוען מיר אלץ מיט איין בליק ____ זייט 5
יאמרו המושלים / פערזענליכע מעשיות ____ זייט 7

# די וואונדער פונעם אויג

4

דער **ספר הברית**[1] שרייבט אז דאס איז די סיבה פארוואס אן אדלער קען אריינקוקן גראד אין דער זון, וויבאלד ער האט א ספעציעלן כח צו פארקלענערן דעם שוואַרצאַפּל און איינצוימען די זונשטראלן פון אריינקומען אין די אויגן. פארקערט זענען דא בעלי חיים וואס קענען גרינג זען ביינאכט אין דער טונקל, ווי א סאָווע (owl) אדער א קאץ, צוליב דעם וואס זיי קענען ספעציעל ברייט עפענען זייער שוואַרצאַפּל און אויפנעמען מער שטראלן.

העכער דעם אייריס, הינטער דעם קארניע וואס באדעקט איר, געפינט זיך א וואסער קאמער (aqueous humour). דאס איז א ספעציעלע פליסיגקייט וואס ברענגט נערונג צו האלטן פריש און געזונט די אויגן, ענליך צו וואס בלוט טוט אינעם גאנצן קערפער, וויבאלד אינעם אויג קומט נישט צו קיין בלוט.

## פארקירצערן די שטראלן

איינמאל דער ליכט-שטראל האט שוין געמאכט זיין וועג אריין דורכ'ן שוואַרצאַפּל, וועט ער זיך צום ערשט באגעגענען מיט דער וואונדערליכער **'לענס' (lens)** אינעם אויג.

די 'לענס' איז פון די וויכטיגסטע זאכן פונעם אויג. זי איז א קליינער דורכזיכטיגער באָל וואס געפינט זיך הינטער'ן שוואַרצאַפּל באהאלטן אינעם אויג, און איר אויפגאבע איז צו בייגן די שטראלן וואס זענען נארוואס אריינגעקומען אז זיי זאלן לאנדן אויפ'ן ריכטיגן ארט אינעם אויג.

די ארבעט פון דער לענס איז אזוי ווי די לענס פון א קאמערע - וואס איז אייגנטליך נאכגעמאכט דאס מענטשליכע אויג אויף וויפיל ס'איז מעגליך. דאס האלב-רינדיגע גלאז בייגט די שטראלן זיך צו קאנצענטרירן צום פונקט, ווי די טבע פון א רינדיגער זאך צו איינדרייען די שיין וואס גייט דורך אין איר, געוואנדן לויט ווי רינדיג ס'איז. דאס איז זייער וויכטיג כדי צו אויפכאפן ריכטיג דאס בילד וואס קומט אריין, וויבאלד יעדעס בילד קומט



דאס איז די סיבה פארוואס אן אדלער קען אריינקוקן גראד אין דער זון. וויבאלד ער האט א ספעציעלן כח צו פארקלענערן דעם שוואַרצאַפּל און איינצוימען די זונשטראלן פון אריינקומען אין די אויגן.

פון אן אנדערער ווייטקייט און מיט אן אנדערער גרויס, וואס צו אלעם דארף די לענס זיך בייגן אנדערש.

מיר וועלן נישט אריינגיין אין די אלע חשבונות פון דער לענס, דאס איז א חכמה עמוקה צו פארשטיין אלע בייגענישן וויאזוי זיי טוישן די קלארקייט פונעם ראיה. פאר דעם צוועק טראגן טאקע רוב פון אונז גלעזער, צו פארבעסערן דעם אופן וויאזוי דאס בילד זאל אריינקומען אינעם אויג, נאכדעם וואס איין קליינטשיגער פרט פון דער לענס איז נישט הונדערט פראצענט. צב"ש ווען מ'קומט אן צו די מיטעלע יארן, הייבט די לענס אן ווערן אביסל הארטער און דיקער, און דאס ברענגט אז ס'זאל זיך נישט קענען גענוג גוט צופאסן צו בילדער פונדערנאנט, און דאס איז די סיבה פארוואס מ'דארף דעמאלט גלעזער צום ליינען.

אזויפיל קענען מיר זען אז די פּראָפעסיאָנעלע פאָטאָגראַפירער וועלן זיך אלץ דרייען מיט עטליכע לענסעס וואס זיי טוישן כסדר און שטעלן אן לויט'ן בילד וואס זיי ווילן כאפן. אבער דעם באשעפער'ס נאטירליכע לענס אין אונזערע אויגן **טוישט איר פאזיציע פון זיך אליין יעדע רגע פון טאג, און פאסט זיך צו צו סיי וועלכן בילד זי דארף אריינגעמען אין זיך!**

## פון ליכט-שטראלן צו אן ערגענצט בילד

אז די ליכט-שטראלן האבן שוין געמאכט זייער וועג דורך דער לענס, קומען זיי אן צו אינערליכן שיכט וואס ליגט אויסגעשפרייט הינטער'ן אויג - די '**רעטינע**' (retina). די רעטינע איז נישט דיקער ווי א פאפיר, און אויף איר געפינען זיך צענדליגער מיליאנען '**ראָדס**' און **קאָנעס**' (rods and cones).

די ראָדס און קאָנעס זענען וואונדערליכע מיקראָסקאפּישע צעלן וועלכע זענען אנגעפילט מיט א פּורפּעלע פליסיגקייט, און דינען ווי 'פּיקסלס' צו פארמירן אינאיינעם א בילד. זיי כאפן אויף דעם קאליר פון יעדן שטראל לויט די ליכט-כוואליעס, וויבאלד יעדער קאליר שטראל פארמאגט אן אנדערן סארט כוואליע און גייט מיט אן אנדערער שנעלקייט. די אלע אינפאָרמאַציע ווערט דערנאך אריבערגעפירט צום '**זע-נערוו**' (optic nerve), וועלכער שיקט עס ווייטער צום מח.

המשך אויף זייט 4

**1** **קארניע** (cornea, הארנהייטל) - א דורכזיכטיג הייטל אין פארנט פונעם אויג. זי פארמאגט ארום 70-80 נערוו פעדעמער פאר יעדן מ"מ, וואס יעדע פון זיי פארמאגט ארום 100 קליינע הארלעך ביי אירע שפיצן. דאס מאכט דאס אויג זייער סענסיטיוו, 300 ביז 600 מאל מער ווי די הויט!

**2** **שוואַרצאַפּל** (pupil) - א לאך אינמיטן דעם אויג, איבערגעדעקט מיט דער קאָרניע. דורך דעם לאך גייט אריבער דאס בילד וואס דער מענטש זעט.

**3** **אייריס** (iris) - דער ראם ארום דעם שווארצאפל, וואס דער קאליר איז אנדערש פון איין מענטש צום צווייטן - בלוי, שווארץ, ברוין, גרוי, גרין. זי איז צוזאמגעשטעלט פון ארום 70 מוסקלען און נערוון וואס קענען זיך איינציען און אויסציען, לויט וויפיל ליכט-שטראלן די אויגן באקומען.

**4** **קאמער-וואסער** (aqueous humor) - א קאמער הינטער דער קארניע, העכער דעם אייריס, וועלכע אנטהאלט א ספעציעלע פליסיגקייט, וואס דאס גיבט כח פאר'ן אויג, אנשטאט בלוט וואס קומט נישט אן אהין.




**5** **לענס** (lens) - דאס בייגט די ליכט-שטראלן וואס קומען אריין אין די אויגן צו גיין אויף דער גוטער ריכטונג, געוואנדן לויט דער ווייטקייט פונעם בילד אויף וואס מ'קוקט. די לענס טוישט זיך יעדע רגע פון א מענטש'ס

**6** **רעטינע** (retina) - א דין הייטל וואס נעמט ארום דעם אינעווייניג פונעם אויג. די שטראלן לאנדן אויף דעם הייטל, און דורכדעם זעט דאס אויג.

**7** **ראָדס און קאָנעס** (rods and cones) - ארום 100 מיליאן צעלן וואס ליגן אויף דער רעטינע. זיי כאפן אויף די פינקטליכע קאלירן און אינפארמאציע וואס דאס אויג באקומט, און שיקט עס ווייטער צום זע-נערוו.

**8** **זע-נערוו** (optic nerve) - א נערוו וואס ציט זיך פון הינטער דעם אויג ביז'ן מח, אריבערפירנדיג אלע אינפארמאציע וואס דאס אויג כאפט אויף צום מח, וואו דאס בילד ווערט ענדגילטיג פראצעסירט און דער מענטש זעט. דער זע-נערוו איז צוזאמגעשטעלט פון 1.2 מיליאן דינטשיגע נערוו פעדעמער!



# מחשיב זיין דעם אוצר

## נישט צוריקוואַרפֿן דאס טייערע געשאנק

זעענדיג די אלע וואונדער, שטעלט זיך ממש דער מח אפ פון טראכטן. אן ענדלאזע קייט פון ניסים ונפלאות וואס טוט זיך פארקערפערן אין דעם איינם אויג יעדע רגע אן אפשטעל, פון ווען דער מענטש ווערט געבוירן ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

דאס אלעס איז אונז גאר שטארק מחייב צו אנערקענען כאטש אביסל די חסדים פונעם רבש"ע מיט'ן אונז שענקען אט די גרויסע וואונדערליכע מתנה. און ווען עס קומט אונטער א נסיון צו כאפן א בליק אויף וואס דער באשעפער לאזט נישט, איז יעצט די געלעגנהייט ארויסצואווייזן כאטש עפעס הכרת הטוב, און ח"ו נישט ניצן אט די גרויסע מתנה פאר א זאך וואס איז קעגן דעם רצון ה'. **דאס איז ממש ווי א מרידה מלכות צו ניצן דעם וואונדערליכן אבר פאר אן עבירה.**

נאכדערצו נאכדעם וואס מ'באקענט זיך מיט וויפיל וואונדערליכע חלקים דאס אויג איז צוזאמגעשטעלט, ממש מיליאנען, וואס יעדער פון זיי טוט זיין אויפגאבע מיט אזויפיל חסד ה', און ח"ו אויב איינס פון זיי גייען נישט ווי עס דארף מאכט דאס אן פראבלעמען אויף דער זע-קראפט. קומט דאך אויס אז מיר דארפן באטראכטן יעדן בליק וואס מיר גיבן, נישט ווי מ'באניצט זיך מיט בלויז איין אבר, נאר מיט **מיליאנען וואונדערליכע מאשינען וואס דער רבש"ע האט אונז געשאנקען**.

ווען א קעניג זעט אז איינער פון זיינע מענטשן האט געטון עפעס קעגן זיין רצון, איז דאס זייער א הארבע זאך. אבער וואס פאסירט אויב יענער באגנוגנט זך נישט אליין, נאר ער שפאנט איין א גאנצע לאנד מיט מיליאנען מענטשן צו טון עפעס קעגן דעם רצון המלך? דאס איז שוין גאנץ עפעס אנדערש, דאס איז א שרעקליכע מרידה! גארנישט אנדערש איז ווען מ'ניצט די אלע אומצאליגע מתנות וואס דער רבש"ע שענקט אונז אויף עפעס וואס איז קעגן זיין רצון.

## א ירושה בעכער אויף פסח

אן עלטערע אלמנה האט זיך געגרייט צו קומען אויף יום טוב פסח צו איינשטיין אין שטוב פון איר קינד, און זי האט געוואלט געבן עפעס פאר איר קינד אלס הכרת הטוב אויף זיין געטריישאפט. האט זי געטראכט צו זיך וואס זי קען געבן פאר איר קינד, ביז עס איז איר איינגעפאלן אז זי וועט אים געבן גאר א ווערדפולע מתנה: דער זילבערנער בעכער וואס איר אומפארגעסליכער מאן האט אין דעם געמאכט קידוש במשך 65 יאר יעדן שבת און יום טוב!

כאטש עס איז איר געווען גאר שווער אוועקצוגעבן און זיך שיידן פון דעם טייערן ירושה בעכער, האט זי אבער פארט באשלאסן דאס צו געבן פאר איר קינד במתנה, כדי צו ארויסצואווייזן ווי שטארק זי שעצט אים.

די גאנצע צייט ביז פסח האט זי זיך געגרייט זיך צו שיידן פונעם בעכער, קוקנדיג דערויף מיט געפיל און בענקשאפט, ביז עס איז געקומען ממש פאר'ן יום טוב פסח, און זי האט איינגעוויקלט דעם זילבערנעם בעכער מיט טרערן אין די אויגן.

אנקומענדיג צו איר קינד'ס שטוב, האט זי דאס נישט גלייך געגעבן, נאר זי האט צוגעווארט עטליכע טעג, ביז עס איז אנגעקומען דער גרויסער טאג. נאכ'ן אויסזאגן תהלים איז זי אריינגעגאנגען צו איר קינד, און זי לייגט אראפ דעם בעכער אויפ'ן טיש, זאגנדיג פייערליך, "דא האסטו, איך האב דיר געברענגט דעם זילבערנעם בעכער פון טאטי במתנה!"

דער זון וואס איז צופעליג יענע מינוט געווען פארנומען מיט זיינע קינדער, און האט נישט געוואוסט פון די אלע הכנות וואס די מאמע האט געמאכט פאר דעם מעמד, און גראדע האט ער געהאט אסאך א שענערן און גרעסערן בעכער. רופט זיך אן צו זיין מאמע, "עטליכע יאר צוריק האב איך באקומען אן אנדערן בעכער, דעריבער האב איך נישט וואס צו טון מיט טאטי'ס בעכער. אפשר וועט דאס זיין גוט פאר איינעם פון די אנדערע ברידער..."

די מאמע, הערנדיג די קאלטע ווערטער פון איר קינד, איז אריינגעגאנגען אין איר שטוב און אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין. "איך האב מיר געגרייט אזא לאנגע צייט אים צו געבן דעם טייערן בעכער פונעם טאטן, און דא אין איין רגע האט ער דאס אלעס אוועקגעמאכט?"

**המשפיע ר' צבי מאיר זילבערבערג שליט"א** דערציילט די מעשה, און פירט אויס מיט א געוואלדיגן לימוד:

דער רבונו של עולם האט אונז געשאנקען גאר טייערע מתנות, די צוויי אויגן פון א מענטש, און דער אויבערשטער קוקט ארויס כביכול אז מיר זאלן דאס האלטן טייער און נישט מזלזל זיין אין דער מתנה וואס ער האט אונז געגעבן. ווער רעדט נאך פון דאס גיין פארשמוצן מיט ראיות אסורות רח"ל, דאס איז דאך א מורא'דיגער צער פאר הקב"ה כביכול.

ווידער אויב מיר ווייזן פאר'ן רבונו של עולם אז מיר האלטן טייער זיינע מתנות און מיר פראבירן דאס אפצוהיטן און האלטן זויבער, איז דאס גאר א גרויסער תענוג און נחת רוח פאר'ן באשעפער!

## אז מ'ווייסט, איז אלעס אנדערש

פון דער אנדערער זייט ברענגט דאס אונז אויך צו א געוואלדיגע התבוננות, צו פארשטיין מיט וואספארא אוצר מיר דרייען זיך ארום, מיט אן אוצר וואס איז נישטא דער פרייז פאר דעם אויף דער גאנצער וועלט! און אז מ'ווייסט אז מ'שפילט זיך מיט אזא אוצר, גיבט מען אסאך מער אכטונג דאס צו היטן אויפ'ן ריכטיגן וועג און עס פארפאטשקען. **יעדע ראיה אסורה איז א שרעקליכער פלעק אויפ'ן אויג, און דאס מאכט קאליע די גרויסע מתנה וואס מיר פארמאגן.**

לאמיר זיך פארשטעלן ווי א איד באקומט א קאנווערט פון א גרויסן מיליאנער, וועלכער בעט אים ער זאל האלטן פאר אים דעם קאנווערט און אכטונג געבן דערויף. עס גייט אריבער עטליכע טעג, און ער הייבט אן צוביסליך פארגעסן אז ער האט בכלל דעם קאנווערט אין טאש. איין טאג באקומט ער א טעלעפאן רוף פון דעם גביר, און ער פרעגט אים צי ער האט נאך דעם קאנווערט. "דארט ליגט א וויכטיגער טשעק פון צען מיליאן דאלאר וואס איך דארף עמיצן געבן," אנפארטרויט אים דער גביר. "און אז דו וועסט גוט היטן דערויף, וועט פופציג טויזנט דערפון זיין דיינס!"

אה, יעצט הייבט שוין דער מענטש אן שפירן ווי ער האט קאנווערט אין טאש... יעדע פאר מינוט קוקט ער צי ער האט עס נאך און צי ס'איז גוט אפגעהיטן. ער איז נישט מסיח דעת דערפון קיין רגע. וואס האט פאסירט? **ער איז פשוט געוואויר געווארן וואספארא אוצר ער האט אין טאש, און וואספארא רווחים דאס וועט אים ברענגען אויב וועט ער דאס היטן!**

ווען מיר דערהערן מיט וויפיל וואונדער די אויגן פונקציאנירן, ווערן מיר געוואויר מיט וואספארא אוצר מיר דרייען זיך ארום, און מיט וויפיל ניסים ונפלאות מיר זענען ארומגענומען יעדע רגע פון טאג. און דאס דארף ברענגען כסדר צו אכטונג געבן נישט צו פוגם זיין אין דעם. שוין אפגערעדט ווען מיר זעען אין די ספרים הק' דעם ענדלאזן שכר וואס איז אוועקגעלייגט פאר א איד וואס גיבט אכטונג אויף דעם טייערן אוצר.

# די וואונדער פונעם אויג 4

המשך פון זייט 2

אינעם מח קומט אָן יעדע רגע די אלע מיליאנען סיגנאלן וואס דאס אויג שיקט אהין; סיי די קאלירן, און סיי די גרויס און ווייטקייט פון יעדן שטראל, און אזוי ארום פארמירט דער מח א שלימות'דיג בילד פון וואס דאס אויג האט נארוואס געזען.[2]

ס'זאגט זיך אזוי גרינג אז דער מח פאָרמירט א בילד. אבער כדי דאס זאל פאסירן, דארף דער מח מאכן אומצאליגע חשבונות, צו קענען ריכטיג אפלערנען די אינפאָרמאַציע פון יעדן איינציגן ליכט-שטראל, און זיין א מבין דבר מתוך דבר צו קענען אהערשטעלן דאס בילד. **כמעט פופציג פראצענט פון א מענטש'ס מח גיבט זיך אפ מיט'ן פּראָצעסירן די ראיה פון די אויגן!** דער חלק פונעם מח וואס גיבט זיך אפ דערמיט געפינט זיך הינטער'ן קאפ,ביים פלאץ וואו עס ליגט דער קשר פונעם תפילין של ראש.

## די 'אויגן שטריק'

א מענטש קוקט כסדר אין אלע ריכטונגען, רעכטס און לינקס. ס'וואלט געווען זייער שווער ווען מ'דארף רוקן דעם קאפ כסדר צו זיין אויסגעדרייט גענוי וואו מ'וויל קוקן. יעצט בשעת איר ליינט די שורות, איז אייער קאפ די גאנצע צייט כמעט אויפ'ן זעלבן פלאץ, נאר די אויגן זענען די וואס רוקן זיך אין זייערע לעכער פון רעכטס צו לינקס.

וויאזוי פאסירט דאס?

דער רבש"ע האט ארומגעלייגט ארום יעדן אויג זעקס גרויסע מוסקלען, וועלכע דינען ווי 'שטריק' צו ציען דאס אויג אין יעדער ריכטונג וואס דער מענטש וויל קוקן - רעכטס, לינקס, ארויף, אראפ. די אלע מוסקלען, זעקס פונעם רעכטן אויג און זעקס פונעם לינקן אויג, ארבעטן אינאיינעם מיט א גענויער פינקטליכקייט; אין דער רגע וואס דער מענטש באשליסט צו קוקן ערגעץ, שטעלן זיך אלע צוועלף שטריק אויס פאר דעם צוועק. **דאס איז פון די גאר גרויסע וואונדער פונעם אויג, וואס פאסירט יעדע רגע!**[3]

דאס אזביידע אויגן ארבעטן אזוי וואנדערליך אינאיינעם, מאכט אז דער מענטש זאל זען ריכטיג די ווייטקייט און טיפקייט פון יעדער זאך. ווייל דורכדעם וואס מ'קוקט מיט ביידע אויגן, באקומט דער מח צוויי באזונדערע בילדער, וועלכע זענען א משהו אנדערש



כמעט פופציג פראצענט פון א מענטש'ס מח גיבט זיך אפ מיט'ן פראצעסירן די ראיה פון די אויגן!

איינס פונעם אנדערן, און דורך אנאליזירן דעם חילוק פון די צוויי בילדער קען דער מח אויסרעכענען די ווייטקייט און טיפקייט פונעם בילד. פראבירט צו פארדעקן איין אויג, וועט איר באמערקן אז איר שפירט נישט ריכטיג די טיפקייט פונעם אביעקט וואס איר זעט.

איינע פון די פראבלעמען איז ווען די צוויי אויגן ארבעטן נישט הונדערט פראצענט אינאיינעם, און דאן דארף מען דורכגיין לאנגע טעראפּי צוזאמצוברענגען ביידע אויגן.

## בעסער אז מ'ווייסט נישט...

די וועלט זאגט א ווערטל, ביי דער ברכה פון אשר יצר זאגן מיר, גָּלוּי וְיָדוּעַ לִפְנֵי כִסֵּא כְבוֹדֶךָ שֶׁאִם יִפָּתֵחַ אֶחָד מֵהֶם אוֹ יִסָּתֵם אֶחָד מֵהֶם אִי אֶפְשַׁר לְהִתְקַיֵּם וְלַעֲמוֹד לְפָנֶיךָ. וואס מיינען די ווערטער "גלוי וידוע לפני כסא כבודך"?

נאר דער דרך העולם איז אז ווען א מענטש איז געזונט און שטארק, **ווייסט ער נישט קיין סאך וואס ס'קומט פאר אין זיין קערפער**. די אלע וואונדערליכע פונקציעס פונעם גוף און אלע אָרגאַנען ארבעטן ווי פון זיך אליין, אן דעם וואס ער זאל משים לב זיין וואס ס'טוט זיך אלץ אפ. אבער ווען איינער ווערט חלילה קראנק אויף א געוויסן אבר, **דעמאלט פאנגט ער פלוצלינג אן געוואויר ווערן** אז ער האט א הארץ, אז ער האט נירן, אז ס'איז דא בלוט צירקולאַציע, און ס'זענען דא צעלן און מוסקלען.

דערפאר דאנקען מיר דעם באשעפער, "גלוי וידוע לפני כסא כבודך" - דו, באשעפער, ווייסט וואס ס'טוט זיך אלץ אין דעם וואונדערליכן קערפער-מאשין. ווילאנג נאר דו ווייסט דאס און איך בין נישט באוואוסטזיניג דערצו, מיינט עס אז אלס איז ב"ה אין ארדענונג...

ווי פאסיג איז דאס ווען מ'רעדט פונעם אויג. ווען איינער האט חלילה א מיחוש אויפ'ן אויג, **דאן וועט ער פלוצלינג אנהייבן געוואויר ווערן וויפיל פונקציעס ס'קומען אלץ פאר אינעם אויג מיט יעדער זאך וואס ער זעט**. זאל חלילה איין פיצעלע זאך צווישן טויזנטער זיין אנדערש ווי ס'ברויך, טרעפט מען זיך שוין אין קליניק פונעם אויגן-דאקטער.

המשך אויף זייט 6

1. מאמר יז שם, עיי"ש בהרחבה.
2. מ'קען דאס זען ביי פארשידענע אָפּטיש אילוזיעס וואס זענען דא, וואס דאס ארבעט דורכדעם וואס מ'לערנט אפ געוויסע חשבונות וואס דער מח מאכט, און מ'קומט אויף מיט קונצן דאס אויסצושפילן, אזוי אז דער מח זאל מאכן א פאלשע מסקנא.
3. **ספר הברית**, שם.
4. **כלי יקר** פרשת יתרו כ, טו, **ביאור הגר"א** על **תיקוני זוהר** דף פט ע"ב ד"ה את, אולם עיין **בספר הברית** (מאמר יז).
5. **שלחן של ארבע**, סוף שער א', מובא **בקדושת עינים**.

## שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶּה... מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה' כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ...



דער "אייריס" מיט אירע וואונדערליכע קאלירפולע מוסקלען וואס קענען זיך איינציען און אויסציען, לויט וויפיל ליכט-שטראלן די אויגן באקומען.



די וואונדערליכע 6 "אויגן שטריק" וואס יעדער אויג פארמאגט, וואס דורך זיי קען דער אויג קוקן אין אלע ריכטונגען.







עטליכע שטארק-פארגרעסערטע בילדער און פארעמען וויאזוי עס קוקן אויס די "ראדס און קאנעס" און נאך אנדערע צעלן וואס דער אויג פארמאגט. ס'זענען דא פון זיי איבער 100 מיליאן אין יעדן אויג, און זיי געפינען זיך אויפ'ן רעטענע וואס איז גרויס ווי א דינער פאפיר! יעדער סקונדע שיקן זיי ביליאנען סיגנאלן צום מח מיט אלע אינפארמאציע וואס דער מענטש זעט!



# וואס טוען מיר אלץ מיט איין בליק?

נאכ'ן דורכטון פון וויפיל וואונדערליכע חלקים דאס אויג איז צוזאמגעשטעלט און וויאזוי דער חוש הראיה ארבעט, דארף דאס אונז אויך ברענגען א נייעם דערהער איבער'ן **מורא'דיגן משמעות פון יעדן איינציגן בליק**, אז דאס איז ווייט פון א פשוט'ן רוק מיט'ן אויג, נאר בשעת מעשה קומט פאר א לאנגע קייט פון אויסטערלישע געשעענישן.

באמת שטעלט זיך א שטארקע שאלה: פארוואס האבן מיר אזא שווערן נסיון מיט שמירת עינים, אנדערש ווי אסאך אנדערע מצוות ה'? למעשה איז עס דאך א קלארער פסוק אין דער תורה, "ולא תתרו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם," און יעדער איד האט מורא צו באגיין אן עבירה. צי וועט דען עמיצער האבן א נסיון צו מחלל שבת זיין? נו, וואס איז א ראיה אסורה אנדערש?

אוודאי איז דער נסיון פן די זאכן וואס 'נפשו של אדם מחמדתן'. אבער ביי אסאך אנדערע איסורים אפילו זיי זאלן גלוסטן פאר'ן מענטש, זעט מען נישט אז מ'זאל האבן אזא שטארקן נסיון. קיין שום איד וועט נישט האבן א נסיון צו טועם זיין פון א טריפה'נעם מאלצייט, אפילו ער איז זייער הונגעריג.

דער ענטפער אויף דעם ערקלערט דער הייליגער **רמב"ם**[1] אז די סיבה פארוואס מענטשן זענען נישט געווארנט מיט שמירת עינים איז צוליב דעם וואס די טבע פון א מענטש איז אז ווען ער טוט עפעס א ממשות'דיגע זאך, שפירט ער ווי ער האט עפעס **געטון**, אויב אבער כאפט ער נאר א בליק מיט די אויגן שפירט ער נישט אז ער האט דא עפעס געטון. ווי דער רמב"ם שרייבט: "איינער וואס קוקט אויף נשים, קלערט ביי זיך אז ער טוט נישט קיין שום עבירה. ווייל ער טראכט, האב איך דען עובר געווען אויף איינער פון די עריות? איך האב דאך נאר געקוקט! ער ווייסט אבער נישט אז דאס בלויזע קוקן מיט די אויגן איז א גרויסע זינד."

## גארנישט געטון?

די סיבה פארוואס מענטשן טראכטן אזוי, איז טאקע צוליב דעם ווייל מ'כאפט זיך נישט וואס עס פאסירט אלץ טאקע מיט בלויז איין בליק. אבער איז עס טאקע ריכטיג אז מ'האט גארנישט געטון? ניין, דאס איז א גרויסער טעות. ווען מ'באקענט זיך אביסל מיט די פלאות וואס גייען אלץ אריין אין יעדן בליק, און מ'טראכט אריין אביסל טיפער אין די אלע חלקים פונעם אויג און מיט וויפיל כוחות מיר באניצן זיך יעדע רגע ווען מיר קוקן מיט זיי, טוישט זיך אינגאנצן דער בליק פון א מענטש. מ'הייבט אן פארשטיין אז ס'איז ווייט ווייט פון אן איינפאכער פשוט'ער בליק וואס מ'האט גארנישט געטון - מ'האט שוין איינמאל געטון!

לאמיר מאכן א קליינעם סך הכל פון וויפיל זאכן מיר **טוען** מיט יעדן איינציגן בליק, יעדע רגע פון טאג. וויפיל איבערקערענישן און געשעענישן פאסירן אין איין "אויגנבליק".

אנגעהויבן מיט די אלע וואנדערליכע געבוי פונעם אויג, די הייטלעך אינדרויסן פונעם אויג, די עטליכע סארטן פליסיגקייטן און טרערן וואס וואשן דעם אויג, די געטרייע ארבעט פון די אויגן לעפלעך, די טויזנטער נערוו פעדעמער וואס זענען אריינגעפלאכטן אינעם אויג צו אויפכאפן יעדע פרעמדע זאך, די שוץ-סיסטעם פון די ביינער ארום דעם אויג, מיט דער הילף פון די אויגן-ברעמען און וויעס וואס שטייען ווי שומרים ארום דעם אויג, די פלינקייט מיט וואס די אויגן באוועגן זיך אין אלע זייטן

ווער רעדט נאך ווען מ'קוקט אריין טיפער אינעם חוש הראיה: דער שווארצאַפּל וואס נעמט אויף יעדע זאך וואס דער מענטש וויל זען - די קליינטשיגע לאך נעמט אריין אין זיך די גרעסטע און ווייטסטע זאכן ביז צו דער זון און די שטערנס. די איבער 100 מיליאן צעלן (ראָדס און קאָנעס) וואס כאפן אויף יעדע רגע דאס בילד וואס א מענטש זעט, די פלאות'דיגע ארבעט פונעם אייריס און דער לענס צו אויפכאפן ריכטיג אלע שטראלן וואס קומען צום אויג, טוישנדיג פאזיציגע יעדע רגע לויט'ן געברויך. ועל כולם די איבער א מיליאן דינע פעדעמער פונעם זע-נערוו וואס פירט אריבער אלע אינפארמאציע צום מח מיט א פינקטליכן סדר, און דערנאך די ביליאנען חשבונות וואס שטעלן זיך צוזאם אינעם מח פון אלע סיגנאלן וואס קומען אן יעדע רגע וואס דאס אויג זעט.

דאס אלעס פאסירט אין איין רגע, ווען דער מענטש האט בלויז "געכאפט א בליק"!

## 16 קוואַדריליאָן שטראלן א סעקונדע

לאמיר גיין א טריט ווייטער. א מענטש זעט דאך מיט'ן כח פון די שטראלן וואס ברענגען דאס בילד צום אויג. די אלע שטראלן זענען דאך כוחות הבריאה מיט וואס דער מענטש באניצט זיך, גארנישט אנדערש ווי ווען א מענטש איז נהנה פון אנדערע חלקי הבריאה, ווי עסן און טרונקען אד"ג.

מיט וויפיל אזעלכע שטראלן באניצן מיר זיך?

לויט שאצונגען, שיקט די זון ארויס פון זיך יעדע רגע ארום 10^45 שטראלן (אן 1 נאכגעפאלגט מיט 45 זעראס, קוואַטאָרדיציליאָן). אויף יעדן סקווער אינטש פון דער וועלט לאנדט יעדע רגע ארום 23 ביליאן נייע זונשטראלן! זיי אלע זענען שליחים פונעם רבש"ע צו זאמלען די קאלירן און אינפארמאציע און דאס ברענגען צום אויג פונעם מענטש.

אין אנדערע ווערטער, די זונשטראלן וואס דערגרייכן א מענטש'ס אויג האבן נארוואס געמאכט א גאר ווייטע רייזע פון צענדליגער מיליאנען מייל ביז זיי זענען אנגעקומען צו דעם מענטש'ס אויג. און עס איז נישט משיג צו זיין דעם נומער וויפיל זונשטראלן טרעפן דעם פלאץ אין אונזערע אויגן מיט יעדן בליק - אזויפיל ווי 16 קוואַדריליאָן (16 ביליאן מאל ביליאן) שטראלן זענען געשאצט צו לאנדן אויפ'ן אויג יעדע סעקונדע! און דאס אלעס איז מיט א פינקטליכער השגחה פרטית פונעם בורא ומנהיג לכל הברואים! עס איז ממש צום שטוינען וויפיל לעבעדיגע נבראים האט דער רבש"ע איינגעשפאנט צו באדינען דעם מענטש'ס אויג, און דאס אלעס ליגט אינעם מענטש'ס בחירה מיט יעדן בליק צי ער זאל דאס ניצן צום גוטן אדער חלילה נישט.

האט דער מענטש מיט זיין בליק טאקע גארנישט געטון?

1. הלכות תשובה פרק ד הלכה ד וזה לשונו: "חמשה דברים העושה אותן אין חזקתו לשוב מהן, לפי שהם דברים קלים בעיני רוב האדם, ונמצא חוטא והוא ידמה שאין זה חטא ואלו הן... המסתכל בעריות מעלה על דעתו שאין בכך כלום, שהוא אומר, וכי בעלתי או קרבתי אצלה, והוא אינו יודע שראיית העינים עון גדול, שהיא גורמת לגופן של עריות, שנאמר ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

המשך פון זייט 4

## 'חוש הראיה' קעגן 'חוש השמיעה'

אין די **ספרים הק'** טרעפן מיר א פאַראַלעל צווישן דעם 'חוש הראיה' און דעם 'חוש השמיעה', מיט דעם וואסביידע זענען כסדר אפן און ברענגען אינפאָרמאַציע צום מח פונעם מענטש. אבער פונדעסטוועגן איז די מעלה פונעם חוש הראיה פיל איידעלער און חשוב'ער פאר'ן מענטש, ווי מ'קען זיך איבערצייגן פון עטליכע נקודות:

**א.** מיט'ן חוש הראיה קען א מענטש זען גאר ווייט, אבער מיט'ן חוש השמיעה קען ער נישט הערן אזוי ווייט[4].

דער **'רבינו בחיי'** לייגט צו[5] ווי מ'זעט אין דעם דעם גרויסן חסד ה' מיט השגחה פרטית, אז יעדער חוש איז באשאנקען מיט א תחום ביז ווי ווייט ס'גייט לויט'ן צורך וואס דער מענטש האט אין דעם. דער חוש המישוש, צו שפירן זאכן, איז נאר קאָנצענטרירט אינעם קערפער, דהיינו ווען מ'כאפט אן דעם חפץ. ווייטער דער חוש הריח גייט שוין ארויס אינדרויסן פונעם קערפער, דער מענטש קען שמעקן זאכן פון ארום זיך, אבער פונדעסטוועגן גייט עס נישט צו ווייט, נאר מ'קען שמעקן בלויז זאכן וואס זענען אינעם געגנט ארום. דערנאך קומט דער חוש השמיעה, מיט וועלכן מ'קען הערן זאכן פון ווייט אוועק. אבער ווייטער פון אלעם איז דער חוש הראיה, וויבאלד א מענטש דארף דאס מערסטע צוקומען דערצו.

מיר האבן שוין אביסל באוירט (מאמר א, גליון 117) ווי אויסטערליש ווייט דאס אויג קען זען, ביז די הויכע שטערנס וואס זענען טויזנטער ליכט-יארן ווייט פון אונז. אבער דאס איז נאר אויף די שטערנס וואס זענען אויסטערליש גרויס און לייכטן גאר שטארק. דא אויף דער וועלט האט דאס אויג א גבול ביז וואו עס קען זען מיט א קלארקייט, געוואנדן יעדע זאך לויט איר גרויסקייט, קאליר, און אנדערע פאַקטאָרן.

די חוקרי הטבע היינט צוטאגס האבן געטראפן אז א מענטש קען זען א קליין ליכטל אין די שטאק-פינסטערניש אזוי ווייט ווי 6 מייל!

אין משנה **מסכת ראש השנה**[6] געפינען מיר אז דער בית דין הגדול אין ירושלים, נאכדעם וואס זיי האבן מקדש געווען דעם חודש, האבן זיי געמאכט פאקלען צו מודיע זיין די אידן אין גלות אז מ'האט מקדש געווען דעם חודש. די משנה רעכנט אויס פינף בערג וואו מ'האט געמאכט די פאקלען. צוערשט האט מען געמאכט אויפ'ן הר המשחה אין ירושלים, וואס פון דארט האט מען עס געזען ביים צווייטן בארג, פונעם צווייטן בארג צום דריטן בארג, אא"וו ביז ס'איז אנגעקומען קיין בבל.



**א קול פארט מיט א שנעלקייט פון 767 מפ"ש, וואס איז עטוואס שנעלער ווי א געווענליכער עראפלאן. אין קאנטראסט, א ליכט-שטראל פארט מיט אן אומבאגרייפליכער שנעלקייט פון 671 מיליאן מפ"ש!**

אז מ'קוקט היינט דעם מרחק פון די צוויי ערטער, זעט מען אז זיי זענען אפגערוקט 500 מייל איינס פון צווייטן. דאס מיינט אז יעדער פאקל האט געדארפט געזען ווערן איבער א מרחק פון הונדערט מייל ווייט! דאס האט געקענט צושטאנד קומען וויבאלד ס'איז געווען ביינאכט און מ'האט עס געמאכט אויף הויכע בערג (און דעמאלט זענען נישט געווען קיין לעקטערס וואס האבן געשטערט דעם פייער פון געזען ווערן). אבער מיר קענען דערפון זען ווי אויסטערליש ווייט דאס אויג קען זען.[7]

**רבינו יהושע אבן שועיב**[8], א תלמיד פונעם רשב"א, שרייבט אז ס'איז פארהאן א מענטש וואס קען זען ווייט הונדערט פרסאות. מ'פלעגט דינגען דעם מענטש אין מצרים צו שטיין אויף א הויכן פלאץ און היטן דאס לאנד

**ב.** נאך א זאך וואס דער חוש הראיה איז מער פונעם חוש השמועה, אז די זע-קראפט פון א מענטש לויפט אסאך שנעלער און עס קען זען אין איין רגע ביז דער זון און די שטערנס, אבער א קול נעמט צייט ווילאנג עס קומט אן צו די אויערן עס צו הערן. דאס קענען מיר זיך איבערצייגן פון דונערן און בליצן, ווייל דער אמת איז אז ביידע פון זיי געשעען אין דער זעלבער צייט, ווען צוויי וואלקנס קומען זיך צוזאם, אבער דעם בליץ זעען מיר קודם און נאך עטליכע סעקונדעס הערן מיר דעם דונער[9].

א קול פארט מיט א שנעלקייט פון 767 מפ"ש, וואס איז עטוואס שנעלער ווי א געווענליכער עראפלאן. אין קאָנטראַסט, א ליכט-שטראל פארט מיט אן אומבאגרייפליכער שנעלקייט פון 671 **מיליאן** מפ"ש!

**ג.** דורך איין קוק מיט'ן אויג קענען מיר זען זאכן וואס מיר וואלטן נישט געקענט הערן אין א לענגערער צייט[10]. לדוגמא, ווען איינער לערנט הלכות טריפות און מ'וויל אים מסביר זיין וויאזוי די אינערליכע גלידער פון א בהמה קוקן אויס, וועט עס נעמען שעות ארוכות איבערצוגיין יעדן אבר. אבער אויב קען ער כאפן א בליק אויף א בהמה, וועט ער אין איין סעקונדע זען די גאנצע מעשה.

**ד.** זאכן וואס מ'הערט וועט מען פיל שנעלער פארגעסן ווי עפעס וואס מ'האט געזען אפילו נאר איינמאל. צב"ש צומאל זעט מען א מענטש וואס מ'האט שוין נישט געטראפן פאר יארן לאנג, און מ'וועט אים נאך געדענקען פון דעמאלט[11].

**ה.** ווען א מענטש וועט זען עפעס, איז דאס ביי אים אסאך קלארער אין מח ווי ווען ער הערט עס, אזוי ווי חז"ל זאגן "אינה דומה שמיעה לראיה", און ווען מען זעט א זאך קען מען דאס אסאך מער ליב האבן אדער פיינט האבן[12].

**ו.** די אויגן פון א מענטש זענען שטענדיג; די אויערן הערן נאר ווען עפעס מאכט א קול[13].

אט דעם וואונדערליכן חוש הראיה האט אונז דער רבש"ע אריינגעלייגט אין אונזערע צוויי אויגן, וויבאלד אן דעם קען א מענטש נישט אנגיין, און זיין גאנצע לעבן דרייט זיך ארום דעם געוואלדיגן כח הראות!

המשך אויף זייט 8

**6.** פרק ב משנה ד.

**7.** ראה בגמ' **בכורות** (נד:) דעין הרועה שולטות לראות צאנו עד ט"ז מיל. ועיין **בשו"ת מחזה אליהו** אריכות בענין עד כמה העין שולט.

**8.** פ' אמור עמ' רפד.

**9.** **רבינו יהושע אבן שועיב** פ' אמור שם, מובא **בקדושת עינים, נאות הדשא** ח"א עמ' קנח. **פאר ישראל** פרשת יתרו ד"ה וכל.

**10.** **ביאור הגר"א** שם.

**11.** **ביאור הגר"א** שם.

**12.** **ביאור הגר"א** שם. בחומש הגר"א מביא על זה ראיה נפלאה ממה שמצינו בתורה אצל מעשה העגל (שמות לב, יט), וַיַּרְא אֶת הָעֵגֶל וּמְחֹלֹת וַיִּחַר אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָיו אֶת הַלֻּחֹת וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת הָהָר. ולכאורה עוד טרם רדת משה מן ההר אמר לו השי"ת לֶךְ רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ וגו', ומדוע המתין לשבור הלוחות עד שהגיע אצל ישראל וראה העגל? אלא מכאן שאינה דומה שמיעה לראיה, ולכן אע"פ ששמע לא עשה אותו רושם מכאשר ראה בעצמו.

**13.** **באר משה** להרה"ק ר"מ קאזניץ זצ"ל, פ' בא ד"ה ויאמר ה'.

**14.** **מאמרי אדמו"ר הזקן** (תקס"ט, להבין שורש ענין יונתי): "אנו רואים **שיש התלבשות כח התענוג בחוש הראיה יותר משאר החושים**, כי גם שיש הארת העונג בכל החושים כמו בחוש הריח שמריח דבר בושם טוב שיערב לנפש מאד, וכן חוש השמיעה כששומע קול ערב שמתענג מאד בנפשו, הנה כ"ז אין לו ערך לגבי כח התענוג שמתענג בנפשו מהסתכלות העין בדבר ציור נאה, כמו דירה נאה מאד או בגדי תפארת למראה או אבנים טובות מבהיקים ביופי וכל דבר נחמד למראה

# יֹאמרו המוֹשלים

אלו המושלים ביצרם
(ב"ב עח:)

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייט** מיט **היינטיגע נסיונות.**

## א דיעל אין מירון

הרה"ג ר' מענדל ווייס שליט"א דערציילט:

א יונגערמאן מיט וועמען איך בין נאנט איז געווען אויף א שבת התוועדות אין מירון מיט הגה"צ המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א. כדרכו האט הגה"צ רבי אלימלך שטארק אויפגעפלאמט דעם עולם, ארויפברענגענדיג אלע משתתפים צו א העכערער וועלט

סוף פונעם שבת, ווען די דערהויבנקייט האט זיך געטאפט אין דער לופטן, האט רבי אלימלך אויפגעפאדערט פון יעדן איינעם צו נעמען אויף זיך א קבלה טובה. "מ'קען זיין זייער דערהויבן, שפירן א מורא'דיגע קדושה, אבער כדי ס'זאל זיך קענען האלטן דארף מען מאכן א כלי. און דאס איז דורכדעם וואס מ'נעמט אויף זיך א גוטע קבלה וויאזוי דאס טאג-טעגליכע לעבן וועט זיין בעסער ווי ביז אהער!"

דער יונגערמאן, וועלכער דרייט זיך דורכאויס די ימי החול אינעם עולם המסחר, האט נישט צו לאנג געדארפט קלערן וואו זיינע חורין וסדקין זענען. אן אינערליך קול האט אים געזאגט אז ער זאל נעמען אויף זיך צו ווערן בעסער אין שמירת עינים. אומר ועושה, דארט אויפ'ן פלאץ האט ער זיך פארגענומען א געוויסן ענין וואו ער וועט זיך שטארקן מיט די אויגן פון היינט און ווייטער.

"איך שטיי יעצט א וואך נאכ'ן שבת," פארציילט מיר דער יונגערמאן. "ב"ה איך קען זאגן אז דורכאויס דער גאנצער וואך בין איך נישט נכשל געווארן אפילו איינמאל. איך שפיר א נייער מענטש!

"אבער יעצט קומט א צווייטע העלפט מעשה," זאגט ער ווייטער. "זינט איך בין צוריקגעקומען פונעם שבת, האבן זיך זאכן אין ביזנעס אנגעהויבן רוקן אויף אן אויסערגעווענליכן פארנעם. ספעציעל איין דיעל וואס שלעפט זיך שוין חדשים לאנג, ס'האט נישט אויסגעזען ווי ס'וועט עפעס זיין אזוי שנעל, און ב"ה ס'האט אנגעהויבן פארן אין דער גוטער ריכטונג." דערביי האט ער ארויסגעצויגן עטליכע דאקומענטן, וועלכע האבן באשטעטיגט אז ער האלט שוין ביי די לעצטע שטאפלען פונעם דיעל.

זייענדיג נאנט מיט דעם יונגערמאן, האב איך גראדע געוואוסט פון וואספארא דיעל ער רעדט. ס'האט זיך געהאנדלט מיט אן אלטן פרייען איד, וועלכער האט כסדר געשלעפט און געצעגערט מיט יעדן דעטאל, אז ס'האט געפילט ווי א וואנט שטייט אין וועג. אבער זעט אויס אז א איד נעמט א קבלה טובה אויף זיך, קען אפילו דער דיקסטער מויער ווערן צעברעקלט!

(-)

## געטראפן אויף רחוב שמואל הנביא

א גרויסן יישר כח פאר אייער הערליכן גליון. עס איז מחזק און טוט אויף א גוואלד.




איך וואוין אין ירושלים, און איך האב ב"ה די זכיה צו לערנען אין כולל במשכ'ן טאג. דער וועג פון מיין שטוב ביז'ן כולל איז דורך רחוב שמואל הנביא. די גאס איז אויסגעשטעלט אז איין זייט ציט זיך איין לאנגער טראטואר און ס'איז פול מיט געשעפטן, און פון דער צווייטער זייט קומען ארויס פיל מיט קלענערע געסלעך אבער ס'זענען נישט דא קיין געשעפטן.

אויס פראקטישקייט וואלט גרינגער געווען צו גיין דורך דער ערשטער זייט, וויבאלד מ'קען גיין גלייך, דאקעגן אויף דער צווייטער זייט דארף מען זיך אפשטעלן ביי יעדן ווינקל אוןווארטן די קארס זאלן דורכפארן. אבער היות די ערשטע זייט איז פול מיט געשעפטן, איז דארט דא א גרויס אנלויפעניש, וואס איז נישט אזוי גוט פאר שמירת עינים. איך האב מיר דעריבער איינגעפירט צו גיין פון קעגנאיבער דער גאס, צו קענען האבן אפגעהיטענע אויגן, כאטש ס'איז ווייניגער באקוועם.

איין טאג האב איך מיך אפגעשטעלט ביי איין אזא ווינקל, ווארטנדיג אז דער פארקער פון קארס זאל נאכלאזן און איך זאל קענען אריבערגיין. מיטאמאל גיבט זיך א שטעל אפ הארט נעבן מיר א קאר, און דער פענסטער פארט אראפ. מיין הארץ האט פארפעלט א קלאפ, און מיין פאנטאזיע האט שוין געוויזן שרעקעדיגע בילדער פון אראבער מיט מעסערס... אבער ניין, ס'איז א אידישער דרייווער. וואס וויל ער פון מיר? אפשר וויל ער מיר אויפמערקזאם מאכן אויף דער גוטער עצה אז מ'קען גיין פון דער צווייטער זייט גאס?

דער איד האט מיר נישט לאנג געלאזט טראכטן. "איך האב זיך געהאט מקבל געווען צו געבן א סכום געלט צדקה פאר א בן תורה," רופט ער אויס. "איך דערקען אויף דיר אז דו ביסט א בן תורה, איז האסטו דאס געלט!"

דערביי האט ער מיר איבערגעגעבן אין האנט א קאנווערט מיט געלט, ער האט צוגעמאכט דעם פענסטער, און איז ווייטער געפארן.

גיי איך ווען אויף דער זייט פון די געשעפטן, וואלט מיך דער איד קיינמאל נישט געטראפן. דאס געלט איז מיר אוודאי געווען באשערט, אבער ווייזט אויס ס'האט זיך ערשט געפאדערט פון מיר א שטיקל עבודה אין שמירת עינים.

*יושע גוטוויין*



המשך פון זייט 6

# דער "כח התענוג" פונעם אויג

פונקט ווי דער חוש הראיה איז דער וויכטיגסטער און חשוב'סטער חוש, אזוי אויך ברענגט דאס די מערסטע תענוג פאר'ן מענטש, ווי דער הייליגער **בעל התניא זי"ע** שרייבט[14]:

מיר זעען אז **דער 'כח התענוג' ליגט אינעם 'חוש הראיה' איז מער ווי די אנדערע 'חושים'.** ווייל הגם מ'קען שפירן א תענוג דורך אלע חושים, למשל דורכ'ן שמעקן גוטע בשמים וואס איז זיס פאר'ן נפש, און אזוי אויך מיט'ן חוש השמיעה דורכ'ן הערן א זיס קול וואס ברענגט אים א שטארקן תענוג, פונדעסטוועגן קומט עס נישט צו צום כח התענוג וואס ער שפירט דורכ'ן קוקן מיט'ן אויג אויף א שיין בילד, ווי א שיינע דירה, שיינע קליידער, אדער טייערע בריליאנטן וואס פינקלען אד"ג.

און וועגן דעם זאגן חז"ל "העין רואה והלב חומד", דערמאנענדיג די ראיה פונעם 'אויג' פאר דער חמדה פונעם 'הארץ', ווייל הגם דער כח החמדה אין הארץ איז זייער גרויס, אבער מער פון דעם ליגט דער כח התענוג אינעם אויג, און דאס ברענגט דעם הארץ צו גלוסטן, **ווייל אינעם אויג ווערט נמשך דאס עצמיות פונעם נפש.** און דערפאר זעט מען אז א מענטש וועט אויסגעבן גאר אסאך פון זיין פארמעגן פאר א שיין הויז און פאר טייערע כלים, מער ווי ער וועט אויסגעבן אויף געשמאקע עסן און בשמים אא"וו.

~ ~ ~

## "שאו מרום עיניכם" – לאמיר "דערהייבן" אונזערע אויגן: "וראו מי ברא אלה" – דורכ'ן באטראכטן ווער עס האט די באשאפן, און מיט וויפיל חכמה און חסד ער האט די אונז געשאנקען!

14 ביותר. שהרי אמרז"ל (במדב"ר פ"י, ב) העין רואה והלב חומד, הרי שהקדים העין רואה ללב חומד כי ההתפעלות שבלב בחמדה ותשו־קה נפלאה הגם שזהו התפעלות כל הנפש עד שתדבק כל נפשו בדבר הנחמד כמו ותדבק נפשו בדינה כו', וכמו שאמר במי שהעלה בלבו טינא על שנתן עיניו באשה א' כו' שהוא מסוכן בעיני הרופאים כו' וכידוע, עכ"ז **העין הרואה בדבר הנחמד שם מלובש כח התענוג ביותר עד שמחמתו נתפעל החימוד בלב, וז"ש ולא תתורו כו' לפי שיש בו בחי' כח חזק מן הארת התענוג עד שימשיך את הלב לחימוד... כח התענוג שבראיה כולל כל מיני חמדה שהרי מסתעפים מחמת הראי' דוקא כמה מיני אופני חמדה בלב לפי ראיית העין דוקא** ... והטעם הוא כי בעין יומשך כל עצם הנפש ממש והחמדה היא רק הארה פרטי' מסתעפת ממנו כו', לפי ששרש הראי' בחכ' שבנפש שכל תענוג עצם הנפש כלו־לה בה כו'. **וכנראה בעליל שהאדם יוציא כל רכושו על דירה נאה ואבני חפץ יותר מתענוגי המאכ־לים הערבים ודברי בושם** כו', וגם בע"ח מבואר אות ומופת לזה מן העוף הידוע ששמו 'ראה' והטעם שנק' בשם זה הוא מצד חוש כח הראי' שבו שהיא חזקה בחוש זה ביותר עד שיש התגברות בחוש הראי' שלו להוליד ... וזה ידוע גם בספרי הרפואה שיוכל להתקבץ כל כח הנפש מכל הכוחות הפרטי' בכח בחוש א' בלבד ואז יהי' אותו החוש בחוזק גדול מאד, ונמצא הרי יוכל להיות התלבשות העונג בחוש הראות ביותר מכל החושי' כו'", עכ"ל ועיי"ש עוד באריכות, ועוד עי' במאמרי הרש"ב (שבת לך לך תרס"ב). ועיין **במגדל עוז** (חלון צורי נוה חכם אות סג, מובא בקדושת עינים ע' מט) כעי"ז "**בעין בו כלול המרגיש המוביל ההרגש לחמשת החשים**, כי עין רואה וכלי המעשה גומרים".





## אשר ישלטו היהודים!

שטייענדיג בעפאר די פרייליכע ימי הפורים הבעל"ט, וועט לבקשת הרבים ערשיינען א ספעציעלע גליון מיוחד

## אן אפגעהיטענע פורים

מיט חיזוק און למעשה'דיגע עצות איף שמירת עינים וואס מ'איז מער אויסגעשטעלט אין דעם הייליגן יו"ט פורים

אויב האט איר סיי וועלכע חיזוק, עצה, מעשה, וואס איר קענט מיטטיילן מיט אנדערע, רופט אריין און לאזט א מעסעדזש

845.999.4114 עקס. 1-2

## על הטוב יזכר

**זכות עמוד בגליון**
מוה"ר **שמעון ווייס** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **בנימין חיים זאב** ב"ר **משה** ע"ה

**זכות 1000 גליונות**
מוה"ר **חיים בצלאל בלום** הי"ו / **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**שותפי טהור עינים**
נדבנים חדשים מידי חודש בחדשו
מוה"ר **אליעזר זריל** הי"ו






845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528
המערכת בענגליש: 732.532.2242
המערכת בספאניש: 054-115-219-8810

"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדזשעס וואס פליסן אריין צום מערכת. אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין 845.999.4114 #1-9